ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

שבועות

## ו' סיון תשס"ו

טייערע קינדער שלוחים,

קינדער, ווי גליקליך זיינען מיר אז מיר קומען שוין ענדליך צו דעם הייליגן יום טוב שבועות! דאס איז א הייליגער יום טוב פאר אלע אידן בכלל, און ספעציעל פאר אידישע קינדער. איך בין זיכער אז איר ווייסט וואס עס איז געשען ווען דער אויבערשטער האט געוואלט געבן די תורה צו אידן. דער אויבערשטער האט געפרעגט די אידן ווער וועט זיכער מאכן אז זיי וועלן היטן זיין ספעציעלע מתנה.

האבן די אידן געזאגט "אונזערע חכמים, צדיקים, און אונזערע עלטערע מענטשן וועלן זיכער מאכן אז מיר וועלן היטן די תורה." דער אויבערשטער אבער האט ניט מסכים געווען צו דעם. ביז די אידן האבן געזאגט אז די קינדער וועלן זיין די וואס וועלן זיכער מאכן אז אידן וועלן היטן די תורה און אז תורה וועט אריבערגיין פון איין דור צום נעקסטן. נאר דעמאלט האט ה' מסכים געווען און האט געגעבן די תורה צו אידן – אלץ צוליב די קינדער!

דערפאר איז אזוי וויכטיג אז שבועות זאלט איר אלע גיין אין שוהל, און אויך משפיע זיין אויף אנדערע קינדער ארום אייך צו גיין אין שוהל, אויף צו הערן די עשרת הדברות. לאמיר בעטן אז נאך אין דעם יאר שבועות זאלן מיר זיין אין ירושלים, און אויך באקומען די תורה חדשה פון משיח!

א. וועכטער



## שבועות

### פרייטאג און שבת זיינען שבועות

- איך בין געבליבן וואך די ערשטע נאכט פון שבועות ווי לאנג מיינע עלטערן האבן געלאזט.
- איך האב געזאגט תיקון ליל שבועות די ערשטע נאכט פון שבועות
- איך האב געהערט די עשרת הדברות אין שול.
- איך האב געגעסן מילכיג'ס אויף שבועות.
- מיידלאך - איך האב אנגעצונדן יום טוב ליכט די ערשטע נאכט, און יום טוב און שבת ליכט די צווייטע נאכט און איך האב געזאגט די ריכטיגע ברכות.



## לעבן מיט דער צייט

### אן אות אין ספר תורה און מתן תורה

מ'האט שוין פיל מאל גערעדט וועגן דעם אז יעדער אידיש קינד דארף האבן אן "אות" אין איינעם פון די "ספרי תורה הכלליים" – די ספרי תורה וואס מ'האט געשריבן פאר אלע אידישע קינדער און אין וועלכע אידישע קינדער האבן געקויפט אותיות.

וואס איינער פון די טעמים אויף דעם איז:

עס ווערט ערקלערט אין ספרים אז יעדער איד האט אן "אות" אין תורה, וואס דער "אות" פארבינדט די נשמה פון דעם אידן מיט תורה. און בשעת מען קויפט אן אות אין א ספר תורה, פארשטארקט דאס דעם פארבונד פון דעם אידן מיט תורה.

דערפון איז פארשטאנדיק די גרויסעווירקונג וואס חג השבועות, "זמן מתן **תורתנו**", האט ספעציעל ביי די אידישע קינדער וועלכע האבן אן אות אין א ספר תורה.

יעדן יאר אין חג השבועות, "זמן מתן תורתנו", באקומען אידן פון–דאס–ניי די תורה, וואס דאס פארשטארקט און באנייט דעם פארבונד וואס אידן האבן מיט דער תורה. און ביי די אידישע קינדער וועלכע האבן אן אות אין א ספר תורה, וואס דאס פארבינדט זיי אויף א שטארקערן אופן מיט תורה, ווערט אט די ספעציעלע פארבינדונג מיט תורה באנייט און פארשטארקט יעדן יאר אין זמן מתן תורתנו.

דאס מאכט אז תורה זאל ווערן גאר נאענט צו זיי – "קרוב **אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו**" (עס איז דיר זייער נאענט, אין רעדן, טראכטן און טאן) – און גיט זיי ספעציעלע כוחות און שטארקייט צו מנצח זיין אין זייער מלחמת היצר, ווי אויך צו קענען ארויסהעלפן די וואס געפינען זיך ארום זיי צו היטן תורה און מצוות, "בפיך ובלבבך לעשותו".

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער - שיחת י' סיון תשמ"ב)*



## דערציילט מיר א מעשה

"מצליח" איז געווען א איד וואס האט געלעבט אין טוניסיא. ער איז ניט געווען א תלמיד חכם, אבער ער האט זייער ליב געהאט תורה, און האט געגעבן פיל צדקה.

ער איז געווען באוואוסט אין שטאט פאר זיין מנהג אויף שבועות. יעדן יאר שבועות פלעגט ער איינלאדן 10 תלמידי חכמים צו קומען צו אים אין שטוב. ער האט אנגעגרייט פאר זיי א גרויסע סעודה, און נאך די סעודה פלעגן זיי זאגן תיקון ליל שבועות און לערנען תורה ביי אים אין שטוב. אזוי האט ער געפילט אז ער האט א חלק אין לימוד התורה.

מצליח האט אנגעהויבן דעם מנהג ווען ער האט איין יאר געלערנט וועגן דעם מנהג פון בלייבן אויף שבועות ביינאכט. ער איז געווען זייער איבערראשט צו זען אז די אידן זיינען ניט געבליבן אויף די נאכט פאר מתן תורה, און מיט אט דעם מנהג האט ער געפילט אז ער טוט זיינס דאס מתקן זיין.

איין יאר פאר שבועות האט מצליח זיך געפונען אין א שווערן צושטאנד. זיין געשעפט איז ניט געגאנגען אזוי גוט, און ער האט ניט געהאט גענוג געלט פאר זיין אייגענער סעודת יום טוב. וואס האט אים נאך מער געשטערט איז געווען דאס וואס ער האט ניט געהאט געלט אויף זיין "תיקון ליל שבועות סעודה". מיט טרערן אין זיינע אויגן, האט ער דערציילט זיין פראבלעם צו זיין ווייב–מזל.

"איך האב נאך מיינע אוירינגלאך," האט מזל געזאגט. און זי האט גלייך אראפגענומען אירע אוירינגלאך. "פארקויף זיי און מיר וועלן האבן געלט."

מצליח איז געווען אזוי צופרידן פון זיין ווייב'ס מסירת נפש, און ער האט גענומען די אוירינגלאך, און האט זיי טאקע פארקויפט און באקומען געלט פאר יום טוב.

אויפן וועג אהיים האט מצליח געטראפן דעם הויפט רב פון טוניסיא - הרב חי טיעב.

"ר' מצליח, עס איז אזוי גוט דיר צו זען. איך האף דו וועסט מיר קענען העלפן. איך קלייב געלט פאר ארימע אידן צו האבן וואס זיי דארפן און קענען זיין צופרידן אויף יום טוב. דער רב האט ניט געוואוסט אז פונקט דעם יאר איז געווען א שווערער

יאר פאר מצליח.

גלייך האט מצליח ארויס גענומען דאס געלט וואס ער האט באקומען פאר די אוירינגלאך. אן א צווייטען געדאנק, האט ער אלץ געגעבן צום רב.

אויפן וועג אהיים האט ער געטראכט, "אוי וויי! וואס וועל איך זאגן פאר מזל?"

פלוצלונג האט ער געהערט ווי איינער רופט זיך צו אים.

מצליח, דער קעניג האט מיר געשיקט צו קויפן שיינע גלעזער. איך ווייס ניט פונקט וואו איך קען דאס געפונען, אבער דו האנדלסט אין די זאכן. ביטע ברענג זיי פאר מיר און מען וועט דיר גוט באצאלן."

"איך וועל פרואוון", האט מצליח צוגעזאגט. ער איז גלייך געלאפן און האט געפונען די גלעזער וואס דער קעניג האט געזוכט, און האט עס געקויפט זייער ביליג.

מצליח איז אנגעקומען אין דעם קעניג'ס פאלאץ און איז אריינגעגאנגען צום קעניג. "דאס איז פונקט וואס איך האב געזוכט," האט דער קעניג געזאגט. און ער האט געפרעגט וויפל עס האט געקסט.

מצליח איז געווען אן אמת'ער, און האט אים געזאגט דעם אמת'ען

פרייז. "דאס איז צו ווייניג," האט דער קעניג געזאגט. "איך וויל דיר געבן מער געלט."

מצליח איז ארויסגעגאנגען פון דעם קעניג'ס פאלאץ מיט אסאך געלט. ער האט געזען דעם רב אויפן וועג און ער האט אים געגעבן דאפעלט פון וויפיל ער האט געהאגט פריער.

עס איז געווען זייער א פרייליכער יום טוב פאר מצליח און זיין ווייב. זיי האבן געהאט געלט פאר שיינע יום טוב סעודות, און בעיקר האבן זיי געהאט געלט אויף די סעודה פאר תיקון ליל שבועות!



## דעם חסידישן לוח

### ו' סיון
### הסתלקות הבעל שם טוב

חג השבועות תק"כ איז דער יום טוב פארביטערט געווארן מיט א שווערע בשורה. דער הייליגער בעל שם טוב איז נסתלק געווארן.
גלייך פאר זיין הסתלקות האט ער געבעטן זיינע חסידים זינגן דעם ניגון פון ר' מיכל זלאטשאווער. דער בעל שם טוב האט געזאגט אז יעדער איינער וואס וועט זינגן דעם ניגון מיט תשובה געפילן, וועט ער – דער בעל שם טוב – מיטזינגען מיט אים און ערוועקן רחמנות אויף אים.

דער בעל שם טוב האט איבערגעקערט דים וועלט מיט זיין נייען וועג אין עבודת ה'– דעם דרך החסידות.

דער בעל שם טוב איז געבראכט געווארן צו קבורה אין מעזיבוש. דעם נעקסטן יאר שבועות האט זיין תלמיד, דער מעזריטשער מגיד, איבערגענומען די פירערשאפט פון חסידים אלס דער נעקסטער רבי'ן.



## משיח נאו!

ביי מתן תורה זיינען מיר געווען ווי א כלה פאר דעם אויבערשטען. פונקט אזוי ווי א חתן און כלה האבן צווי צייטן, די צייט פון חתן - כלה און די צייט פון חתונה, האבן די אידן אויך די צווי צייטן. די אירוסין איז געווען ביי מתן תורה, אבער די גאנצע חתונה וועט ערשט זיין אין דער צייט פון דער גאולה. קינדער, דאס איז א צו א לאנגע צייט צוווארטן אויף דער חתונה! מיר ווילן שוין האבן משיח יעצט!

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה **יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

ב"ה

# חג השבועות



## שבועות און מילכיגע עסן

ווען די אידן האבן באקומען די תורה אין דעם טאג פון שבועות, האבן זיי אנגעהויבן עסן נאר זאכן וואס זיינען כשר. וויבאלד עס איז געווען שבת, האבן זיי ניט געקענט כשר'ן זייערע זאכן, אדער שחט'ן פלייש. דעריבער האבן זיי געגעסן מילכיגע זאכן.

פון יעמאלט אן איז עס א מנהג צו עסן מילכיגע זאכן שבועות. נאך א סיבה פאר דעם מנהג איז די גמטריא פון חלב.

אין לשון הקודש הייסט מילך – חלב. חלב איז בגימטריא – 40, וועלכע זיינען דער צאל פון די טעג וואס משה איז געווען אויפן בארג.

## שבועות און דוד המלך

דוד המלך איז געבארן געווארן און נסתלק געווארן שבועות. דוד איז געקומען פון שבט יהודה און זיין עלטע–באבע איז געווען רות. אלע קעניגן ביז משיח קומען פון דוד המלך. דוד המלך האט פיל מאל מלחמה געהאלטן מיט די פיינט פון די אידן. ער האט איבערגענומען ירושלים, און ער האט געקויפט הר הבית, און געלייגט די יסודות פון דעם בית המקדש וואס זיין זון שלמה האט געבויט מיט יאהרן שפעטער. צוליב אים האבן די אידן געלעבט רואיגערהייט אין זייער לאנד. דוד איז געווען דער הויפט פון די סנהדרין, און ער איז באוואוסט אלס דער "נעים זמירות ישראל" ווייל ער האט געשריבן דעם ספר תהילים. דוד המלך איז נסתלק געווארן אום שבת, ו' סיון ווען ער איז געווען 70 יאר אלט.

## שבועות און משיח

צוויי זאכן זיינען געשען שבועות און זיינען פארבונדן מיט משיח. די יארציט פון דוד המלך און די יארצייט פון דעם בעל שם טוב. דוד המלך איז געווען דער ערשטער קעניג און פון אים שטאמט אויך אונזער לעצטער קעניג וואס וועט בלייבן אויף אייביג– משיח.

דער בעל שם טוב איז נסתלק אין דעם ערשטן טאג שבועות תק"כ, און מיר ווייסן אז ווען די תורה פון דעם בעל שם טוב וועט זיין פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט וועט משיח קומען!

## שבועות און חת"ת

אויף חג השבועות, האט דער רבי פיל מאל גערעדט וועגען שטארקן דעם ענין פון לערנען אלע טאג די שיעורי חת"ת - חומש, תהלים און תניא. חת"ת איז פארבונדן מיט חג השבועות: חומש - ווייל שבועות איז זמן מתן תורתנו, תהלים - ווייל דוד המלך,וואס ער האט געשריבן ספר התהלים, איז נפטר געווארן אויף שבועות, און תניא - ווייל דער בעל שם טוב –וואס ער האט אנגעהויבן דעם דרך החסידות וואס דער אלטער רבי האט ממשיך געווען –איז אויך נסתלק געווארן אויף שבועות.

## שבועות און די עשרת הדברות

אנכי ה' אלקיך

מ'האט שוין גערעדט פיל מאל אז אפילו קליינע קינדער זאלן קומען אין שול הערן ווי מען לייענט די עשרת הדברות, און אויך זיך צוהערן, איינהערן און אריינגעמען אין זיך אט דאס וואס מ'לייענט אין די עשרת הדברות.

די עשרת הדברות הויבן זיך גלייך אן מיט :"אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים" (איך בין דיין ג–ט וואס האט דיר ארויסגענומען פון ארץ מצרים).

צום אלעם ערשטן זאגט דער אויבערשטער צו יעדער אידן, אריינגערעכנט אידישע קינדער און ספעציעל קינדער פון "צבאות השם":

"אנכי ה' אלקיך" - איך בין דיין ג–ט, דיין שטארקייט!

און - "אשר הוצאתיך מארץ מצרים" איך אליין האב דיר ארויסגענומען פון גלות, פון ארץ מצרים.

דאס איז אויך אן אנווייזונג פאר יעדער אידן אויף אלע צייטן.

א איד קען דאך ביי זיך פרעגן: מיט וואס פאר א כח קען מען איבערקומען דעם גלות און צוגרייטן זיך אויף אויפנעמען משיח'ן, "נאו"?

ענטפערט די תורה, אז דער אויבערשטער אליין האט זיך פארנומען מיט ארויסנעמען די אידן פון מצרים, און וויבאלד "בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא (היום) ממצרים" (אין יעדן דור דארף א איד זיך באטראכן אז ער אליין גייט ארויס היינט פון מצרים) - איז דאך זיכער אז אויך איצט וועט דער אויבערשטער אליין דער "קאמענדיר–אין–טשיף" פון "צבאות השם" ארויסנעמען יעדערן פון אונז צוזאמען מיטן גאנצן אידישן פאלק פון גלות!

*("דער רבי רעדט צו קינדער", שיחת י' סיון תשמ"ב)*

TEST YOUR KNOWLEDGE

# שבועות

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

## זיינען די זאצן אמת אדער שקר?

| | | |
|---|---|---|
| רות איז געווען די עלטער באבע פון דוד המלך. | אמת | שקר |
| נעשה ונשמע מיינט אז די אידן וועלן טאן וואס זיי ווילן. | אמת | שקר |
| די שלשת ימי הגבלה זיינען די דריי טעג וואס די אידן האבן זיך צוגעגרייט פאר מתן תורה. | אמת | שקר |
| מיר בלייבן אויף שבועות צו זינגן און טאנצן. | אמת | שקר |
| מיר דארפן זיך אנטאן שיין און זיין צופרידן יום טוב. | אמת | שקר |
| מיר שאקלן לולב און אתרוגביידע טעג שבועות. | אמת | שקר |
| שבועות איז איינער פון די שלש רגלים. | אמת | שקר |
| מיר עסן מילכיג'ס אויף שבועות ווייל עס איז געשמאק. | אמת | שקר |
| די אידן האבן באקומען די תורה אין ארץ ישראל. | אמת | שקר |
| ווען דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה זיינען אלע אידישע נשמות פון אלע דורות דארט געווען. | אמת | שקר |

די געווינער פון פרשת במדבר: שטערנא שרה שטיפל, 6

הצלחה רבה

נאמען:______________________________ ווי אלט:_____

אדרעס:______________________________

______________________________

אימייל:______________________________